**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/3/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שטעלט פאר היסטארישע אינוועסטירונגען פאר ניו יארק סטעיט אגריקולטור אלץ טייל פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024

***באדייטנדע אינוועסטירונג אין אגריקולטורישע אינדוסטריע שטיצט עסנווארג סופליי טשעין און שטיצט לאקאלע עסנווארג און ביזנעסער***

***אינוועסטירונג טעקס קרעדיט, ארבעטסקראפט אנטוויקלונג, לאקאלע איניציאטיוון וועלן שטיצן פארמער און פארם ארבייטער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט פארגעשטעלט די היסטארישע שטיצע וואס ניו יארק'ס אגריקולטורישע אינדוסטריע באקומט אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024. אפשפיגלנדיג גאווערנער האקול'ס שטארקע איבערגעגעבנקייט צו פארמער און צו די לאקאלע עסנווארג פראדוקציע אינדוסטריע וואס זי האט געלאזט הערן אין איר 2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, רעכנט די בודזשעט אויך אריין באדייטנדע אינוועסטירונגען צו פארמערן עסנווארג מעניופעקטשורינג, און עס פארלאנגט אז די סטעיט זאל איינקויפן מער לאקאלע עסנווארג; עס שטעלט אוועק א ריפאָנדעבעל אינוועסטירונג טעקס קרעדיט צו שטיצן פארמער און פארם ארבייטער; פראגראמען צו אויפבויען די פארם ארבעטסקראפט און ארויסהעלפן קאמיוניטי און שטאטישע פארמינג באמיאונגען אויף די לאקאלע פארנעם; נייע איניציאטיוון צו פארבעסערן די היימישע געטראנקען אינדוסטריע; און נאך. אין צוגאב צייכנט דאס אפ די צווייטע יאר אין א ציה פון רעקארד-ברעכנדע לאקאלע הילף פינאנצירונג פאר אגריקולטור, ערמעגליכנדיג פארשונג, אנטוויקלונג, מארקעטינג און אדווערטייזינג פראגראמען אין ניו יארק.

"ניו יארק'ס פארמער זענען די רוקן ביין פון אונזער סטעיט, און די אגריקולטור אינדוסטריע איז וועזנטליך צו אונזער עקאנאמיע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די באדייטנדע אינוועסטירונגען וועלן פארזעצן צו שטיצן ניו יארק'ס פארמער כדי זיי זאלן קענען פארזעצן צו שטעלן פרישע עסנווארג אויף אונזערע טישן, העלפן אונזערע דארפישע קאמיוניטיס בליהען און פארזיכערן אז אונזערע עסנווארג און געטראנקען ביזנעסער קענען פארזעצן צו בליהען פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**<u>עסנווארג סופליי טשעין פארבעסערונגען</u>**

די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 רעכנט אריין שטארקע אינוועסטירונגען מיט די ציהל צו פארשטערקערן די פארלאנג פאר ניו יארקע אגריקולטורישע פראדוקטן, פארשטערקערנדיג ניו יארק'ס עסנווארג סופליי טשעין און פארזיכערנדיג אז אלע ניו יארקער קענען פראדוצירן און באקומען פרישע, לאקאלע עסנווארג. די בודזשעט באררייכערט ניו יארק'ס קאמיוניטי גערטנער פראגראמען מיט 2 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג, און עס רעכנט אריין א 10 מיליאן דאלארדיגע גרענט פאר שטיצע ביים אויפשטעלן נייע פארם מארקעטס, סופערמארקעטס, עסנווארג קאָאפעראטיוו און אנדערע ענליכע ריטעיל עסנווארג געשעפטן, צוזאמען מיט שטיצנדע אינפראסטרוקטור אין שוואכערע קאמיוניטיס און

ראיאנען פון די סטעיט. די פראגראמען וועלן פארמערן די געלעגנהייטן צו אנקומען צו עסנווארג אין קאמיוניטיס וועלכע האבן היסטאריש באקומען וויייניגער סערוויסעס.

**מער ניו יארקע פראדוקטן פאר אונזערע סקולס**
די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 רעכנט אויך אריין כלים צו העלפן סקול דיסטריקטס איינקויפן פארם פראדוקטן פון לאקאלע פראדוצירער, פארזיכערנדיג אז ניו יארק בלייבט ניו יארק'ס ערשטע און בעסטע קליענט. נעמליך, העכערט די בודזשעט די מאקסימום סומע וואס סקולס קענען אויסגעבן אויף עסנווארג אויף זייער אייגענע דעת צו $150,000, עטוואס העכער פון די פאריגע מאקסימום. ווייטער פארשטערקערנדיג לאקאלע עסנווארג פראדוקציע אין ניו יארק סטעיט, שטעלט די בודזשעט צו 50 מיליאן דאלאר איבער פינף יאר פאר לאקאלע סקול דיסטריקטס צו שטיצן קיכן וועלכע וועלן נוצן פרישע ניו יארק סטעיט פארם פראדוקטן צו צוגרייטן מאלצייטן פאר קינדער אין סקול פון קינדערגארטן ביז 12'טע קלאס. דער 'סקול עסנווארג אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם' ( School Food Infrastructure Grant Program) וועט צושטעלן די מיטלען וואס סקולס דארפן צו קענען איינזאמלען, אוועקלייגן, פראצעסירן און צוגרייטן פארם פראדוקטן, און דאס ערמעגליכן צו קאכן פרישע, נארהאפטיגע היימיש-געמאכטע מאלצייטן אויפן פלאץ פאר די סקול קינדער.

**שטיצן לאקאלע פראדוצירער**
אויסשטערקנדיג נאך שטיצע פאר פארמער אריבער די סטעיט, מאכט די בודזשעט די 20 פראצענטיגע אינוועסטירונג טעקס קרעדיט פאר פארמערס צו זיין 'ריפאָנדעבעל' פאר פינף יאר. די קרעדיט וועט געגעבן ווערן פאר פארמס אפגעזעהן פון זייערע אויסזיכטן צו פארדינען, און עס וועט ארויפגיין אויף די יאר ווען די אינוועסטירונג ווערט געמאכט. די קריטישע שטיצע גיבט אן אנרייץ צו אינוועסטירן מער פאר נאך פראדוקציע אויפן פארם, צום ביישפיל צו אינקויפן עקוויפמענט, אריינרעכענענדיג פארגעשריטענע 'ענעראָוביק בייאָו-דיידזשעסטערס' וועלכע רעדוצירן עמיסיעס. קומענדיג נאך א תקופה ווען ניו יארקע פארמס האבן זיך פארמאסטן מיט פילע שוועריגקייטן, אריינרעכענענדיג איבערגעהאקטע סופליי טשעינס צוליב די פאנדעמיע, אומזיכערקייטן אין די מארקעטפלאץ און העכערע קאסטן צו אויפהאלטן ארבייטער, וועט די טעקס קרעדיט העלפן ניו יארק'ס פראדוצירער פון אלע גרויסקייטן צו מאדערניזירן זייערע פארמס'ס עקוויפמענט און סטאנדארטן צו קענען קאנקורירן אין די צוקונפט.

קוקנדיג אויף די צוקונפט, רעכנט די בודזשעט אויך אריין 1 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן א שטערקערע אגריקולטור ארבעטסקראפט אין די סטעיט צו פארשטערקערן ניו יארק'ס אגריקולטורישע אינדוסטריע פאר פילע יארן אין די צוקונפט. דאס וועט אריינרעכענען ארבעטן מיט די הויפט פארמישטע פארטייען צו טרעפן געלעגנהייטן פאר אינטערנשיפס און זיך צו אריינטערנירן אין פלעצער אריבער די אינדוסטריע, און ארבעטן מיט בילדונג מוסדות צו פארזיכערן אז די נויטיגע פעהיגקייטן און סטאנדארטן וואס די אינדוסטריע פארלאנגט ווערן אויסגעלערנט פאר די סטודענטן. די איניציאטיוו וועט אויך זיך קאנצענטרירן אויף צו פארבינדן אימיגראנטן און פליטים מיט אגריקולטורישע און עסנווארג אינדוסטריע דזשאבס, אריינרעכענענדיג א פארשלאג צו פארמערן די פינאנצירונג פאר לעגאלע סערוויסעס וועלכע וועלן שטיצן אזעלכע מענטשן ביים באקומען לעגאלע סטאטוס צו מעגן ארבעטן. גאווערנער האקול וועט אויך הייסן פאר די דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס צו אריינגיין אין א שותפות מיט אגריקולטורישע ארגאניזאציעס צו העלפן אימיגראנטן ארבייטער מיט באשעפטיגונג סערוויסעס, צום ביישפיל מיט אונטערזוכונגען, אויסלערנען שפראך, אנטוויקלען יסודות'דיגע פעהיגקייטן און זיי פלאצירן אין שטעלעס.

**שטיצן היימישע געטראנקען פראדוצירער**
די בודזשעט פארגרעסערט אויך די 'אלקאהאלישע געטראנקען פראדוקציע קרעדיט' ( Alcoholic Beverage Production Credit, ABPC) פאר ברענערייען און ווין גיטער, אריינרעכענענדיג פארם-באזירטע געטראנקען פראדוצירער. די קרעדיט ווערט פארגרעסערט פאר ווין און אנדערע אלקאהאלישע געטראנקען צו פארגוטיגן פאר די 'עקסייס טעקס' וואס ווערט ארויפגעלייגט אויף די ערשטע 500,000

גאלאנען וואס ווערן פראדוצירט אין ניו יארק סטעיט, און עס מאכט די צווייטע קלאסן פון געטראנקען מער גלייך איינער צום אנדערן. ניו יארק איז יעצט די דריטע צווישן סטעיטס אין וויין פראדוקציע און די צווייטע אין אנדערע אלקאהאלישע געטראנקען.

**אגריקולטור יריד פארבעסערונגען**

די בודזשעט שטעלט אויך צו אין צוגאב וויכטיגע פינאנצירונג פאר ניו יארק'ס קאונטי ירידים און פאר די 'גרעיט ניו יארק סטעיט יריד' (Great New York State Fair) — קריטישע חלקים פון ניו יארקע אגריקולטור וועלכע פארבינדן די פובליק מיט די וויכטיגע אינדוסטריע און אירע טראדיציעס. די בודזשעט רעכנט אריין א 2 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין קאונטי ירידים צו ארויסהעלפן מיט די מארקעטינג און אדווערטייזינג, אין א באמיאונג צו ערפילן גאווערנער האקול'ס צוזאג צו פארבעסערן די קאארדינאציע צווישן קאונטי ירידים און די גרעיט ניו יארק סטעיט יריד, און צו פארמערן געלעגנהייטן צו פארבעסערן יונגווארג און אגריקולטורישע פראגראם אינציאטיוון ביי אלע ירידים אריבער די סטעיט.

ניו יארק סטעיט איז די היים צו א בליהענדע אגריקולטורישע אינדוסטריע מיט אירע פארמס און עסנווארג און געטראנקען ביזנעסער זייענדיג קריטיש פאר ניו יארק'ס עקאנאמיע. די סטעיט איז צווישן די צען גרעסטע ווען עס קומט צו פראדוקציע פון איבער 30 סחורות, מיט עטוואס מער פון א פערטל פון די סטעיט'ס לאנד ווערנדיג גענוצט פאר אגריקולטור — אומגעפער זיבן מיליאן אקער. ניו יארק איז די גרעסטע פראדוצירער פון קאטעדזש טשיז, זויער קרעם און יאגורט — די מילכיגס אינדוסטריע איז די סטעיט'ס גרעסטע אגריקולטורישע אינדוסטריע. זי איז די צווייט גרעסטע אין מעיפל סירופ, עפלעך, קרויט און סנעפּ בונדלעך און די דריטע אין טרויבן. ניו יארק איז היים צו אגריקולטורישע אפעראציעס גרויס און קליין, און זי האט טייל פון די מערסט באקאנטע און סאפיסטיקירטע מעטאדן צו ליפערן עסנווארג און פארם-פראדוצירטע פראדוקטן אריבער די סטעיט און אריבער די גאנצע וועלט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן